בעו, זיינען די אַזוי-גערופענע רעכטע, ניט-קאַמוניסטישע גרופּען, נאָך אַלץ ניט פאַראייניגט.

פאַראַן נאָך אַ טעאָריע פאַרוואָס די קאַמוניסטישע פּאַרטיי האָט געסטעידזשט אַן אינערליכען ריס צווישען די אייגענע באָס. די טעאָריע איז צו באַווייזען דער אַמאָלגאַמעיטעד מיעט קאַטערס, אַז די קאַמוניסטען אין דער פאַריער יוניאַן האָבען זיך מקריב געווען אויף דער מזבח פון אייניגקייט. דער געדאַנק פון דעם, לויט דער טענה פון דער קאַמוניסטישער פּאַרטיי, איז אַזוי: מיר, די קאַמוניסטען, האָבען פאַר די אידעאַלען פון פרייהייט משלח געווען גאָלד'ן און די אַנדערע, אַבי צו העלפען די פאַריער אַרבייטער ווערען צוריק אַ טייל פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג.

„מיר, טענה'ט די קאַמוניסטישע פּאַרטיי, ווילען ווייזען דער וועלט, אַז מיר שטעלען די אינטערעסען פון די פאַריער העכער ווי דזשאָבס פאַר אונזערע פּאַרטיי-אַנהענגער."

די קאַמוניסטען אין דער פאַריער יוניאַן ווילען דורך דער סטראַטעגיע פון'ם כלומרשט'דיגען קאַמף צווישען די צוויי סאָרטען קאַמוניסטען באַווייזען, אַז ניט געקוקט אויף די „אינערליכע" מיינונגס-פאַרשידענהייטען, וועט דאָך אויסגעשמידט ווערען דער וועג צו איי-

פון זייערע ערגסטע שונאים."

וואָס-זשע מיינט דאָס? אין פּשוט'ע ווערטער מיינט דאָס, אַז דער אַזוי גערופענער „ריס" צווישען ווינאָגראַדסקי און שניידער איז ניט מער ווי אַ פּורים-שפּיל. עס מיינט אויך, אַז די קאַמוניסטען אין דער פאַריער יוניאַן זיינען איצט געגאַנגען אין אונטערגרונד.

עס מיינט אויך, אַז די אַמעריקען פעדערעישאַן אָוו לעיבאָר און אירע פאַראַנטוואָרטליכע פירער דאַרפען זיין זעהר און זעהר פאָרזיכטיג אין די ווייטערדיגע אַנטוויקלונגען אין דער פאַריער יוניאַן. זיי דאַרפען געדענקען, אַז די קאַמוניסטען זיינען די גרעסטע עקספּערטען אויף פאַרמאַסקירען זיך, אויף אָפּנאַרען, אויף אַלערליי שמד-שטיק.

מען דאַרף די קאַמוניסטען, די באַהאַלטענע און אָפענע, וואַטשען מיט טויזענטער אויגען! מען דאַרף זיכער מאַכען, אַז די קאַמוניסטען נאַרען ניט אָפּ די אַ. פ. אָוו ל., כדי זיך דאָרטען אַריינצוגנב'ענען אונטער אַ פאַלשען פּאַספּאָרט, כדי צו קריגען רעספּעקטאַביליטעט פאַר זיך און צו קענען בוירען פון אינעווייניג.

דער כלומרשט'דיגער „ריס" צווישען די קאַמוניסטען אין דער פאַריער יוניאַן איז בלויז איין ביישפּיל פון דער דאָזיגער קונציגער סטראַטעגיע.

אַביב'ער רב וועט קיין שלעכטס זיכער ניט געבען.

איז וואָס וויל הרב שטענציל אונז פאַרט געבען?

ניט קיין געלט און ניט קיין „שוה-כסף", נאָר אַזעלכע זאַכען, זאָגט ער, וואָס זיינען ווערט מער ווי געלט — דאָס איז תורה. אייגענטליך, וויל ער אונז „פאַרקויפען" (ניט פאַר קיין געלט, נאָר אינגאַנצען אומזיסט), אַ פּלאַן ווי צו פאַראייביגען דעם אָנדענק פון די אידישע קדושים פון דער לעצטער וועלט מלחמה און גלייכצייטיג אַזוי צו פאַרשטאַרקען דעם לימוד פון תורה צווישען אַמעריקאַנער אידען, און אויך איבער דער וועלט.

זיין פּלאַן איז ניט נאָר פאַר לומדים, נאָר הויפּטזעכליך פאַר די ברייטע מאַסען און ניט דווקא פאַר די רעליגיעזע אידען, נאָר אויך פאַר די וועלטליכע אידען. און הרב שטענציל באַמערקט דערביי, אַז די וועלטליכע אידען זיינען אויך ניט פּטור פון לערנען תורה, ווייל די תורה באַלאַנגט צו אַלע אידען. דאָס אידישע פאָלק אַלס אַ תורה-פאָלק, דאָס פאָלק פון בוך, נעמט אַרום אַלע אידען אָהן אונטערשייד. אַ פאַקט איז, אַז קיין טייל פון אידישען פאָלק האָט זיך נאָך ניט אָפּגעזאָגט פון אונזערע גייסטיגע אידישע קולטור-אוצרות. מער וועניגער אין יעדער איד אַנגעצונדען אין וואָרצעל פון דער אידישער תורה.

איראָפּעאישע אידענטום, זעצט פאָר הרב שטענציל זיין שמועס, ווען צוזאַמען מיט'ן אומקום פון די אידען זיינען אויך חרוב געוואָרען די גרעסערע תורה-צענטערן, וואָס זיינען געווען דער גייסטיגער רעזערוואואַר פון אידישען פאָלק. איז אויפגעקומען די פראַגע: וואָס זאָל מען טאָן כדי צו פאַראייביגען דעם נאָמען פון די קדושים? און אין ישראל האָט מען וועגען דעם פיל געטראַכט און אויך נאָך היינט זוכט מען די פּאַסיגסטע מיטלען פאַר דעם צוועק. מאַנכע אידען, זאָגט הרב שטענציל, זוכען צו פאַראייביגען דעם גרויסען אידישען חורבן דורך אַ „יד ושם", דורך מאָנומענטען, וואָס וועלען באַשטעהן פון אַרכיוועז וואו מען וועט צונויפקלייבען און דאָקומענטירען אַלץ וואָס איז פאַראַן און פאַרבליבען פון גרויסען חורבן.

אָבער הרב שטענציל האָט פאַרטראַכט אַ גאַנץ אַנדער מאָנומענט וואָס זאָל פאַראייביגען דעם אָנדענק פון די קדושים. און דאָס איז, אַז אַלע אידען פון דער וועלט זאָלען סיסטעמאַטיש לערנען יעדען טאָג בלויז צוויי משנות — די זעלבע משנות.

אידען האָבען באמת אַלע טאָג געלערנט משניות, אין יעדער שוהל, שטיבעל, צי יחידים אַזונדער. אָבער אָט-די אַלע האָבען געלערנט וואו זייער הארץ האָט געגלוסט. אָבער דאָס לערנען פון אַלע

הרב יונה שטענציל

מיטגליד פון תל-אָביב'ער הויפּט-ראַבינאַט

פון גאַנצען ראַבינאַט אין ישראל, פון אַלע חסידישע רביים און גרעסטע ראשי-ישיבות. נאָך מער, דער הויפּט-ראַבינאַט פון ישראל האָט אַרויסגעלאָזען אַן אויפרוף צו אַלע אידען פון דער וועלט איינצופירען אָט-די נייע תקנה.

די כוונה דערביי איז אַ צווייאיגע: דורכ'ן לערנען משניות וועט מען מיט דעם פאַראייביגען דעם נאָמען פון די קדושים און משנה איז טאַקע פאַר דעם אַממערסטען צוגעפּאַסט. און דערפאַר וואָס דאָס וואָרט „משנה" אַנטהאַלט אין זיך די אותיות נ ש מ ה איז פון אייביג אַן אַ מנהג ביי אידען צו לערנען אין אַ יאָרצייט-טאָג משניות. און וועלכע טאָג איז ביי

באַוואוסטער בריסקער רב. פּונקט ווי הרב שפּירא'ס פּלאַן פון אַ „דף יומי" איז געווען צוגעפּאַסט צום דור פון מיט איבער דרייסיג יאָר צוריק, אַזוי איז איצטער צוגעפּאַסט דער פּלאַן פון אַ „משנה יומית" צו אונזער צייט; היינט זיינען, ליידער, פאַראַן וועניגער אידען ווי אַמאָל, וואָס קענען לערנען אַ בלאַט גמרא, עס זיינען אָבער פאַראַן נאָך גענוג אידען, וואָס קענען לערנען אַ פּרק משניות. און איינס וועט ברענגען דאָס צווייטע. אָבער, גיט דערביי צו הרב שטענציל, אַז זיין פּלאַן האָט דעם צוגאָב וואָס מיט'ן לערנען די „טעגליכע משנה" וועט מען גלייכצייטיג פאַראייביגען דעם נאָמען פון די קדושים. צו דעם איז אויך געשאַפען געוואָרען אַ ספּעציעלע תפילה וואָס מען זאָגט „לזכר הקדושים" יעדעס מאָל ווען מען ענדיגט אַ מסכתא פון משניות.

הרב שטענציל האָט איבערגעגעבען, אַז זיין פּלאַן פון „משנה יומית" איז אין ישראל שטאַרק אַנגענומען געוואָרען ניט נאָר צווישען רעליגיעזע אידען, נאָר אַפילו אין וועלטליכע קרייזען. די „משנה יומית" ווערט טעגליך געלערנט אויף דער ישראל ראַדיאָ-שטאַנציע „קול ישראל". אויך די טעגליכע צייטונגען פון ישראל גיבען יעדען טאָג אָן וועלכע משנה מען דאַרף [illegible] קרייזען פון דער „הסתדרות" פאָלגען נאָך דעם לימוד פון דער „טעגליכער משנה". הרב שטענציל האָט מיר מיט דעם געוואָלט איבערצייגען ווי פּאָפּולער עס איז דער געדאַנק פון „משנה יומית" אין מדינת ישראל.

הרב שטענציל האָט מיר אויך דערצעהלט, אַז יעדען טאָג ווערט געדרוקט אין ארץ-ישראל אַ ספּעציעלע „צייטונג" אין דער פאָרם פון אַ בולעטין, וואָס אַנטהאַלט אַ די משנה פון טאָג און אַ געוויסע פּירושים און הלכות, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צום ענין. אָט-דער בולעטין ווערט טעגליך פאַרשפּרייט אין צענדליגער טויזענטער עקזעמפּלאַרען. אויסער דעם האָט דער איניציאַטאָר פון פּלאַן, הרב שטענציל, צוגעגרייט אַ געדרוקטען לוח וואָס אַנטהאַלט דעם גאַנצען סדר פון אַלע משניות און ווי אַזוי זיי זיינען איינגעטיילט פאַר די טעג פון יאָר. מיט דער הילף פון אָט-דעם לוח קען יעדער איד וויסען וואו מען האַלט היינט אין דעם סדר פון דער טעגליכער משנה.

מיט אַ יאָר צוריק, נאָכדעם ווי הרב שטענצעל האָט געזעהן, אַז זיין פּלאַן פון דער „טעגליכער משנה" איז געוואָרען זעהר פּאָפּולער איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ צווייטען פּלאַן, און דאָס איז די „הלכה יומית". דער איניציאַטאָר טענה'ט, אַז ס'איז אויך וויכטיג, אַז אַ איד זאָל וויסען אַ דין פון שולחן-ערוך. ווייל ווי קען מען דען וויסען ווי מקיים צו זיין די מצוות, אַז מען ווייס ניט קיין דין. עס פּאַסירט אויך אָפטמאָל, זאָגט דער חשוב'ער רב, אַז אַפילו אַ תלמיד-חכם וואָס לערנט גמרא זאָל ניט וויסען קיין דין, און דעריבער איז אויך זעהר וויכטיג, אַז אַפילו תלמידי חכמים זאָלען לערנען יעדען טאָג אַ דין, און אויך פאַר דעם האָט ער אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן, און דער פּלאַן באַשטעהט פון לערנען יעדען טאָג דריי סעיפים (פּאַראַגראַפען) פון שולחן ערוך. סאַי דער געדאַנק און סאַי דער פּלאַן ווי אַזוי צו לערנען די דינים זיינען ענליך צו דעם פּלאַן פון דער „משנה יומית". און דעריבער וועל איך זיך וועגען דעם ניט אָפּשטעלען ברייטער. הרב שטענציל גיט אַליין צו, אַז דער פּראָיעקט פון „משנה יומית" איז אַ פיל מער פּאָפּולערער ווי דער פון דער „הלכה יומית", ווייל די „משנה יומית" האָט אַנגעשלאָגען אין אַ סך מער ברייטערע קרייזען ווי זיין צווייטער פּלאַן, וואָס איז מער צוגעפּאַסט פאַר רבנים, תלמידי-חכמים און ישיבה-בחורים. אינטערעסאַנט דערביי איז צו ברענגען וואָס אַ סך פּוסקים ברענגען אין נאָמען פון דער „דרישה" (דער מחבר פון אַ פּירוש אויפ'ן טור שלחן ערוך). ער זאָגט: „די בעלי-בתים וואָס לערנען יעדען טאָג גמרא מיט תוספות זיינען נאָך אַלץ ניט יוצא די מצווה פון תלמוד תורה כיידען זיי לערנען אויך די ספרי הפּוסקים, וואָס מיינט, די „דינים פון שלחן ערוך (זעה ש"ך, יורה דעה, סימן רמ"ו, ס"ק ה'). דעריבער האַלט הרב שטענציל, אַז די צוויי פּלענער זיינע דערגאַנצען איינע דאָס אַנדערע.

הרב שטענציל וועט פאַרברענגען אין אַמעריקע איינינע מאָנאַטען בכדי צו פּאָפּולאַריזירען זיין פּראָיעקט אויך צווישען אַמעריקאַנער אידען.

אין דער אַלטער היים האָט מען זיך געשלאָגען צוליב אַ חזן, און אין אַמעריקע—צוליב אַ חזנ'טע

די קריגערייען צוליב חזנים אין די אַמאָליגע שטעט און שטעטלעך. — די קלאַסען-צעטיילונג אין די קאַמפען אַרום אַ חזן. — די חזנ'טעס אין אַמעריקע קאָנען זיין אַ קאָנקורענץ פאַר די מענער-חזנים. — די יוניאַן וועט דאַרפען פאָדערען פאַר חזנ'טעס די זעלבע לוינען ווי פאַר חזנים.

פון ד. זלאַטאָווסקי

נו, זיינען ניט געווען גערעכט אונזערע אידען אין דער אַלטער היים, ווען זיי האָבען געזאָגט, אַז אַמעריקע איז אַ פאַרקערטע וועלט? ביי אונז אין שטאָט, און אין אַנדערע שטעט פלעגט מען שטענדיג זאָגען, אַז אין אַמעריקע איז אַלץ פאַרקערט. ווען ביי אונז איז טאָג איז אין אַמעריקע נאַכט. דאָרט, אין אַמעריקע עסט מען חלה אין דער וואָכען, און שבת? קיין שבת איז דאָרט אינגאַנצען ניטאָ. ווען מיר רוהען און געניסען פון דעם הייליגען טאָג, אַרבייטען זיי, נעבעך, ווי די פערד. עס איז אַ פאַרקערט לאַנד, אַלץ קאַפּויער...

געווען אַפילו ביי אונז איינער, ער איז, נעבעך, געווען אַביסעל אַ גערירטער, וועלכער האָט פאַרזיכערט, אַז אין אַמעריקע געהען מענשען אויפ'ן קאָפּ, און ניט, ווי ביי אונז — אויף די פיס. ער האָט געטענה'ט, אַז אויב אַמעריקע איז אַ פאַרקערט לאַנד, עס איז אַלץ אַנדערש ווי ביי אונז, קען דאָך ניט זיין, אַז מענשען זאָלען, ווי מיר, געהען אויף די פיס...

ווען אונזערע אידען און אידישע ווייבער אויף יענער זייט ים וואָלטען נאָך געלעבט, וואָלטען זיי דאָך געלאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער פון דעם, וואָס אין אַמעריקע איז אויסגעבראָכען אַ מחלוקת צוליב אַ . . . חזנ'טע. זיי וואָלטען געהאַט נאָך אַ באַווייז, אַז אַמעריקע איז אַ פאַרקערט לאַנד. ביי אונז אין די שטעט און שטעטלעך האָט מען זיך געקריגט און אַפילו געשלאָגען צוליב אַ חזן, און אין אַמעריקע רייסען זיך אידען אַרום צוליב אַ חזנ'טע.

צי האָט מען שוין אַמאָל געהערט אויף דער וועלט אַזעלכעס?

אין די אַלע יאָרען, וואָס איך געדענק פון מיין געבוירען-שטאָט אין פּוילען איז כסדר געווען מחלוקת צוליב אַ חזן. אויף דעם דאָזיגען פעלד איז כמעט קיינמאָל קיין שלום ניט געשלאָסען געוואָרען. עס איז נאָר אַמאָל געווען אויף אַ קורצער צייט אַ וואַפענשטיל-שטאַנד, וואָס האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. די מלחמה איז ווייטער אויסגעבראָכען.

ווען איך טראַכט איצט וועגען די מלחמות אין שטאָט צוליב אַ חזן, זעה איך, אַז ס'איז דאָ געווען אַ סאָציאַלער אונטערשלאַג. אין דעם טיפערען זין איז עס געווען אַ קאַמף צווישען אָרימע און רייכע, צווישען האָרעפּאַשנע אידען און „שעהנע" אידען. אַלעמאָל זיינען די באַלמעלאָכעס, קצבים און פישער געווען אויף איין פראָנט, און די שעהנע אידען, לומדים, פאַרמעגליכע אויף דער צווייטער זייט.

וועגען אַ חזן האָט מען זיך מער געקריגט און אַרומגעריסען, ווי צוליב אַ רב, אָדער אַ שוחט. ווען עס האָט געהאַלטען ביים אויפנעמען אַ רב האָבען די פּשוט'ע אידען ניט צופיל זיך געמישט. זיי האָבען פאַרשטאַנען, אַז זיי קענען ניט זאָגען קיין מבינות אויף אַ רב. דאָס האָבען זיי געמוזט איבערלאָזען צו די אידען-לומדים, און אויך צו די פאַרמעגליכע אידען, וועלכע זיינען אַלעמאָל געווען נעענטער צו די אידען, וואָס האָבען געקאָנט לערנען, ווי צו די פּשוט'ע אידען. אַ נגיד, אָדער אַזעלכער, וואָס איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ נגיד, ווען אַפילו ער איז געווען דער גרעסטער עם-הארץ, איז דאָך געווען אין דעם לאַגער פון די „איידעלע" אידען. אַזאַ איד איז אין שול געשטאַנען ביי דער מזרח-וואַנט, מען האָט אים מכבד געווען מיט אַ „שעהנער" עליה, און אַנדערע כיבודים. אַזעלכער, עס הייסט אַ גביר, אַן עם-הארץ, פלעגט שוין אויך זאָגען זיין וואָרט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ רב.

אַזוי איז די שטאָט באַשטאַנען פון צוויי קלאַסען. איין קלאַס איז געווען פון די פּשוט'ע אידען, באַלמעלאָכעס, דאָרפס-געהער און עם-הארצים, און דער צווייטער קלאַס איז געווען פון „שעהנע" אידען, לומדים, מיט אַ צוגאָב פון גבירים. ווען עס איז אויפגעקומען די אַרבייטער-באַוועגונג, זיינען די אידען פון דעם פּראָסטען קלאַס געווען מיט זייערע הערצער מיט די „בונטאָוושטשיקעס", ווי מען האָט זיי גערופען. דאַגעגען דער אַנדערער קלאַס, עס הייסט די אידען-לומדים זיינען געווען צוזאַמען מיט די רייכע אידען געגען די הפקר-יונגען און הפקר-מיידען, וועלכע ריידען זיך איין, אַז זיי וועלען אַראָפּוואַרפען דעם קיסר...

אָבער מיר ריידען איצט ניט וועגען קיסר, נאָר וועגען . . . חזן.

די מחלוקת'ן וועגען אַ חזן זיינען קיינמאָל ניט אַראָפּ פון דער טאָג-אָרדנונג אין שטאָט. דאָס איז געווען אַן אייביגע מלחמה.

עס געדענקט זיך מיר אַ מלחמה וועגען אַ חזן, וואָס האָט אָנגעהאַלטען שעהנע עטליכע יאָר.

עס זיינען ביי אונז געווען צוויי שטאָט-חזנים, איינער פאַר דער גרויסער שוהל, און דער צווייטער פאַר'ן בית המדרש. דער קאַמף איז געגאַנגען אַרום דעם שוהל-חזן.

דער דאָזיגער חזן איז געווען אַ גרויסער למדן, און אַ זעהר פרומער איד. אָבער עס האָט פון אים געשמעקט מיט אַריסטאָקראַטישקייט און גרויס-האַלטעריי. ער פלעגט אין די ווינטערדיגע פרייטאָג-צונאַכטסען לערנען פאַר'ן עולם, האָט ער אָבער זיין לערנען געהאַלטען אויף אַזאַ הויך, אַז נאָר אידען לומדים האָבען אים פאַרשטאַנען. ער פלעגט אויך געהן פיין און ריין אָנגעטאָן. זיין פּאַטריאַכאַלישע באָרד איז געווען פיין פאַרקעמט, ער האָט געטראָגען אַ היטעל מיט אַ הויכער דענקע, ווי אַ ליטוואַק, וואָס ער איז טאַקע געווען. געוואוינט האָט ער אויף אַ געמישטער גאַס, עס הייסט פון אידען און גויים צוזאַמען. אַרום זיין הויז איז געווען אַ גאָרטען, מיט ביימער און בלומען. זיינע טעכטער האָבען זיך שוין גאַר געהאַלטען גרויס. זיי פלעגען שפּילען אויף אַ פּיאַנאָ, וואָס איז געווען ביים חזן אין שטוב.

די אידען-לומדים און ממילא אויך די רייכע האָבען געהאַלטען מיט'ן דאָזיגען חזן, דער עיקר צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער למדן. אָבער דער המון האָט פאַרדרעהט מיט דער נאָז.

אויף חזנות איז דאָך יעדער איד אַ מבין, און אַ איד האָט טאַקע ליב נגינה. דער פּראָסטער עולם, די שניידערס און שוסטערס האָבען עפּעס ניט געפיהלט קיין טעם אין די ניגונים פון דעם חזן. זיי האָבען ביי דער אַרבייט ניט געהאַט וואָס נאָכצוזינגען פון זיין דאַווענען.

קורץ, מיטאַמאָל, אין אַ שעהנעם, צי אין אַ מיאוס'ן פרימאָרגען, האָט אין שטאָט זיך באַוויזען אַ נייער חזן. מען האָט אים גערופען יצחק'ל ראָוונער. ער איז, פאַרשטעהט זיך, אַליין ניט געקומען. דער פּראָסטער עולם, וואָס איז געווען אונצופרידען מיט דעם אַלטען חזן האָט אים אַראָפּגעבראַכט אין שטאָט אַריין.

און מיט'ן באַווייזען זיך פון דעם נייעם חזן איז אין שטאָט אויסגעבראָכען אַ פייער. מען האָט ווי פאַרגעסען אין אַלץ, אין אייגענע צרות, און אין צרות הכלל, די שטאָט האָט געשטורעמט צוליב די חזנים.

און די ליניעס זיינען געווען גאַנץ גענוי און גאַנץ שטריינג אָנגעצייכענט. פאַר דעם אַלטען חזן, האָבען געהאַלטען די „שיינע" אידען צוזאַמען מיט די רייכע, און פאַר דעם נייעם חזן, וועלכער האָט טאַקע אויסגעזעהן, ווי אַ פּראָלעטאַרישער חזן האָבען זיך איינגעשטעלט די באַלמעלאָכעס, פישערס, קצבים און אַנדערע פון דעם זעלבען קלאַס.

ווען דער נייער חזן יצחק'ל ראָוונער איז אָנגעקומען, האָט מען אים, נאַטירליך, ניט צוגעלאָזען דאַווענען אין שוהל. ער האָט געדאַווענט אין דער קצב'ישער שוהל, וואָס איז געווען אויף דער יאַטקע גאַס. די שוהל, וואָס האָט אַלעמאָל געהאַט ווייניג דאַוונער איז מיטאַמאָל געוואָרען זעהר פּאָפּולער. פון אַלע עקען שטאָט איז דער פּראָסטער עולם, אָדער, ווי מען האָט אים גערופען דער „נאַראָד" געלאָפען אין דער קצב'ישער שוהל הערען דעם נייעם חזן. אין אַלע שוסטער און שניידער וואַרשטאַטען האָט מען געזונגען די תפילות און מעלאָדיעס פון דעם נייעם חזן. ווי איך געדענק האָט דער עולם באַזונדערס זיך געקוויקט מיט'ן „ישמח משה", וואָס דער נייער חזן האָט אויסגעזונגען.

אָבער דער עולם האָט זיך ניט באַפרידיגט מיט דער הנאה, וואָס ער האָט געהאַט פון דעם נייעם חזן. דער פאַרלאַנג און די שטרעבונג זיינען געווען אַריינצופירען דעם נייעם חזן אין דער גרויסער שוהל אַריין.

ס'איז געווען איינמאָל אין אַ ווינטערדיגען שבת. אין דרויסען האָט געברענט אַ פראָסט, און ווי געוויינליך פלעגען אין אַזאַ טאָג ווייניג מענשען קומען אין שוהל אַריין. אָט אין דעם שבת זיינען הונדערטער מענשען פון פּראָסטען פאָלק געקומען אין דער שוהל אַריין, און דאָס גאַנץ פרי, כמעט פאַרטאָג. די שוהל איז געווען געפּאַקט, אַז מען וואָלט קיין שפּילקע-קעפּעל ניט געקאָנט אַריינוואַרפען. ביי די טירען זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרען עטליכע שטאַרקע יונגען, טרעגערס. עס איז נאָך געווען טונקעל אין דרויסען האָט מען גענומען דאַוונען. דעם „פון פאַרענט" האָט מען שנעל אָפּגעכאַפּט, און ביים עמוד האָט זיך אַוועקגעשטעלט יצחק'ל ראָוונער, און האָט זיך צוגאַרגעלט: שוכן עד מרום...

באַלד איז מען אָנגעקומען פון צווייטען צד. „שיינע" אידען אין אַטלעסענע קאַפּאָטעס, איינגעהילט אין טליתים האָבען זיך געוואָלט אַריינרייסען אין שוהל אַריין. עס איז אַנטשטאַנען אַ שרעקליכער געשלעג, און די פּאָליציי האָט געמוזט פאַנאַנדערדרייסען די צוויי קעמפענדע מחנות.

אין שטאָט איז געווען תשעה באָב. ביידע צדדים האָבען זיך געגרייט צום ווייטערדיגען קאַמף. אָבער דער נייער חזן איז מיט אַמאָל פאַרשוואונדען געוואָרען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער האָט באַקומען אַ שטעלע אין אַן אַנדערער שטאָט און איז אַהין אַוועק.

די מלחמה אַרום חזן איז צייטווייליג אָפּגעשטעלט געוואָרן, אָבער מיט אַ שטיקעל צייט שפּעטער איז זי אויפסניי אויסגעבראָכען.

עס איז געוויס ניט געווען קיין איין שטאָט און שטעטעל אין דער אַלטער היים, אַז מען זאָל זיך ניט אַרומרייסען צוליב אַ חזן.

און דאָ אין אַמעריקע וועט מען פירען מלחמות צוליב אַ חזנ'טע. לויט'ן קאָמוניקאַט פון באָארד און ראַבאַיס, וואָס איז געווען געדרוקט אין די צייטונגען שמעקט עס טאַקע מיט פּולווער.

די חזנ'טע קען זיין אַ קאָנקורענץ פאַר מענער-חזנים. עס קען זיין, ווי אין יעדער אַנדער אינדוסטרי, וואו פרויען פאַרנעמען די אַרבייטס-פּלעצער פון מענער צוליב דעם, וואָס זיי נעמען ביליגער פאַר דער זעלבער אַרבייט, וואָס מענער טוען.

קען דאָ, הייסט גאָר אַרויסקומען אַן עקאָנאָמישער קאַמף, און די חזנים-יוניאַן וועט האָבען בלויז איין ברירה — פאָדערען גלייכע לוינען פאַר חזנ'טעס, כדי זיי זאָלען ניט קאָנקורירען מיט מענער.

וואָס שייך דער רעליגיעזער זייט דערפון, דוכט זיך אונז, אַז די רבנים מאַכען דאָ אַ שטיקעל טעות מיט דעם, וואָס זיי זיינען אַזוי שטריינג געגען חזנ'טעס. עס איז ריכטיג, אַז ביז אַהער האָט מען ניט געהערט, אַז עס זאָל ווען עס איז זיין אַ חזנ'טע, וואָס זאָל דאַווענען פאַר'ן עמוד. אָבער מיר ווייסען, אַז פרויען האָבען שוין פאַרנומען פאַרשידענע רעליגיעזע אַמטען.

עס איז גאָר מעגליך, אַז אַ פרוי אַ חזנ'טע וועט צוציהען אַ סך דאַוונערס. מען וועט מער קומען אין שול אַריין צו הערען דאָס דאַוונען און דאָס זינגען פון דער חזנ'טע.

מען דערצעהלט, אַז אַן אַפּיקורס האָט אַמאָל געפרעגט דעם באַוואוסטען בריסקער מגיד אליקום געצל — וואָס איז גאָט אַ מאַן, צי אַ פרוי? דער מגיד האָט געענטפערט: אַ מאַן. דער אַפּיקורס האָט אים דאַן געפרעגט: פון וואַנעט ווייסט איר דאָס? אליקום געצל האָט געענטפערט: ווען גאָט וואָלט געווען אַ פרוי, וואָלטען דאָך אַלע אַפּיקורסים געווען פאַרליבט אין רבונו של עולם...